14 דערנאָך האָט ער זיך באַוויזן צו די עלף אַליין,
בשעת זיי זענען געזעסן ביים טיש, און האָט זיי
פאַרגעוואָרפן זייער אומגלייבן און האַרטקייט פון
האַרצן, ווייל זיי האָבן נישט געגלייבט די, וואָס
15 האָבן אים געזען אַן אויפגעשטאַנענעם. און ער
האָט צו זיי געזאָגט: גייט אין דער גאַנצער וועלט,
זאָגט אָן די גוטע בשורה צו דער גאַנצער באַשאַפונג.
16 ווער עס גלייבט און לאָזט זיך טובל זיין, דער וועט
געראַטעוועט ווערן; ווער אָבער עס וועט נישט
17 גלייבן, דער וועט פאַרמשפט ווערן. און די דאָזיקע
צייכנס וועלן באַגלייטן די, וואָס גלייבן יאָ: אין מיין
נאָמען וועלן זיי אַרויסטרייבן בייזע גייסטער; זיי
18 וועלן רעדן מיט נייע לשונות; מיט די הענט וועלן
זיי אויפהייבן שלאַנגען, און אויב זיי וועלן טרינקען
סם, וועט עס זיי בשום אופן נישט פאַרשאַטן; אויף
קראַנקע וועלן זיי אַרויפלייגן די הענט, און זיי
וועלן גענעזן ווערן.
19 און אַזוי, נאָך דעם ווי דער האַר ישוע האָט צו
זיי גערעדט, איז ער אַרויפגענומען געוואָרן אין
הימל אַריין, און האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף
20 ג־ט'ס רעכטער זייט. (תהלים קי׳, א׳) און זיי זענען
אַרויסגעגאַנגען, און האָבן אויסגערופן (די גוטע
בשורה) אומעטום, און דער האַר האָט מיטגעווירקט
מיט זיי, באַשטעטיקנדיק דאָס וואָרט דורך די
צייכנס, וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט. אמן.